בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון נ'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת כי תשא
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, נֵר ד' דַּחֲנֻכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה' פַאר אַלֶע מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע מוֹסָד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ כְּדֵי מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵדֶר אוּן אַ סְקוּל פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

### וָואס הָאבְּן דִי יְוָנִים גֶעוָואלְט?

אִיךְ ווִיל דָא מְחַזֵק זַיין אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד, דִי מְלַמְּדִים, דִי לֶערֶערִינְס, דִי אָפִיס אַרְבֶּעטֶערְס, דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס, דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער, דֶער קֶעכֶער.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען: **"כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר, שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל"**, מֶען זָאל אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיפְן הָארְן פוּנֶעם אָקְס וֶוערְטֶער אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁטָא קַיין בַּאשֶׁעפֶער. אַלֶע שְׁטֶעלְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶעם, וָואס עֶפֶּעס הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף אַן אָקְס אוּן פּוּנְקְט אוֹיפְן הָארְן?

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַן אַלְטְן בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד (עֶר הָאט נָאךְ גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן פַאר רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה) אַזַא פְּשַׁט, דִי גְמָרָא (שַׁבָּת לה:) בְּרֶענְגְט אַ בְּרַיְתָא אַז מֶען מֶעג מְטַלְטֵל זַיין שַׁבָּת אַ שׁוֹפָר, אַפִילוּ מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת מְטַלְטֵל זַיין קַיין שׁוּם כֵּלִי וָואס גֶעבְּט אַ גְרוֹיס אַ קְלַאנְג, וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא אֶפְשָׁר וֶועט עֶר עֶס פַארְרֶעכְטְן שַׁבָּת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן מֶעג מֶען יָא מְטַלְטֵל זַיין אַ שׁוֹפָר וַוייל מֶען קֶען דָאס נִיצְן פַאר אַ בָּאטְל פַאר אַ קְלֵיין קִינְד; אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְט מֶען נִיצְן אַ הָארְן פַאר אַ בָּאטְל, וַוייל דָאס אִיז בְּרֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן שְׁמָאל פוּן אוּנְטְן, לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם קִינְד אוּן מֶען גִיסְט אַרַיין מִילְךְ פוּן אוֹיבְן אוּן עֶס גִיסְט אַרַיין טְרָאפְּעלֶעךְ אִינֶעם קִינְדְ'ס מוֹיל.

זָאגְט דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן נִיצְן הֶערְנֶער פַאר בָּאטְלֶעךְ, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער וֶוערְטֶער קֶעגְן דִי אֱמוּנָה וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז אַפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס לִיגְן נָאךְ אִין וִויגֶעלֶע אוּן טְרִינְקֶען נָאךְ פוּנֶעם בָּאטְל, זָאל שְׁטֵיין אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף זֵייעֶר מִילְךְ בָּאטְל אַז מִיר גְלֵייבְּן נִישְׁט וְכוּ'. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע כַּוָונָה פוּן דִי יְוָנִים, אוֹיסְצוּרַייסְן פוּן דֶער יוּגְנְט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

## • פְּרֶעדִיגְן אוּן פְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה!

### עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער!

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז אוֹיף יֶעדֶע שְׁטַר זָאל מֶען אַרַיין לֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח:).

דָאס אִיז דֶער מְקוֹר וָואס מִיר פִירְן זִיךְ אַז יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁרַייבְּן הֵייבְּט מֶען אָן דֶעם בְּלַאט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען: 'ב"ה', 'בס"ד', 'בעזהשי"ת', 'להו"ו'; דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען שׁוֹין רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, בְּסִיַּיעְתָּא דִּשְׁמַיָּא, אָבֶּער דִי חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן גֶעהֵייסְן אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶעדֶע צֶעטְל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אַלֵיין,

## הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

### • פְּרֶעדִיגְן אוּן פְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה!

דאנערשטאג פָּרָשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ״ג

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעזָאגְט מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן וַוייל מֶען וַוארְפְט דָאךְ אֲוֶועק דִי שְׁטָרוֹת אִין מִיסְט, קוּמְט אוֹיס אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען קוּמְט אָן אִין מִיסְט.

דָאס הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים גֶעוָואלְט, אַרַיין לֵייגְן אִין יֶעדֶע צֶעטְל, אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֵייבְּט אָן אַז **״עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער״**, אוּן **״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס.״**

דָאס אִיז אוּנְזֶער מוֹסָד, דָאס אִיז אוּנְזֶער חֶדֶר, אוּן דָאס אִיז אוּנְזֶער סְקוּל, פְּרֶעדִיגְן אֱמוּנָה, פְּרֶעגְלֶען אֱמוּנָה, אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

**הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן רֶעדְט קֶעגְן אוּנְזֶער רֶבִּי אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

מַיין מַאן הָאט לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן מְזַלְזֵל זַיין אוּן רֶעדְן קְרִיטִיק אוֹיף אוּנְזֶער רֶבִּי צוּ וֶועמֶען מִיר גֵייעֶן. אִיךְ וִויל זֵייעֶר מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט תְּמִימוּת, נִישְׁט מִיטְ'ן רֶעדְן אוֹיף רֶבִּי׳ס אוּן צַדִיקִים, אָבֶּער מַיין מַאן טַעְנָה׳ט אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט אוּן עֶר טוּט רִיכְטִיג, וַוייל אוֹיבּ דֶער רֶבִּי טוּט אַן עַוְלָה דַארְף מֶען עֶס פַארְשְׁרַייבְּן, דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אִין אַ צַדִיק, אוּן עֶס מוּז נִישְׁט זַיין אַז וָואס דֶער צַדִיק טוּט אִיז זִיכֶער גוּט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין דִי גֶעגְנְוַוארְט פוּן דִי קִינְדֶער בִּין אִיךְ שְׁטִיל אוּן אִיךְ בִּין מְכַבֵּד מַיין מַאן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר זָאגְט נָאר, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר וֵוי אַז עֶר רֶעדְט קֶעגְן אוּנְזֶער צַדִיק. וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי זַאכְן וְכוּ׳; בִּפְרַט וֶוען דִי קִינְדֶער דַאוֶונֶען דָארְט אוּן זֵיי לֶערְנֶען דָארְט - אִיז זִיכֶער נִישְׁט גוּט אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִי הַנְהָגָה וְכוּ׳; דִי קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל. אַ קִינְדְ׳ס מֹחַ אִיז זֵייעֶר הַייקְל, אַז מֶען צֶעמִישְׁט זֵיי - פַאלְן זֵיי אַוֶועק הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס יָא אָנְצוּנֶעמֶען אוּן וָואס נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז יָא וִויכְטִיג אוּן וָואס נִישְׁט.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער. אִיר קֶענְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי קִינְדֶער אִין מַחֲלֹקֶת, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְט אִיר נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן. דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זָאל דָאס נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן, וַוייל דָאס אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, גוּטֶע קִינְדֶער וַואקְסְט נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים, אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִוייזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״; זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת וישלח תשפ״ד)

### וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיכֶער אַז עֶס הֶערְשְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי מַיין שִׁיעוּר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין זוֹכֶה בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר פַאר בָּחוּרִים, מִיט חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, דִי דִיבּוּרִים זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר מְחַזֵק. אִיךְ דַאנְק זֵייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיף דִי פִילֶע עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל צוּם לֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעבְּט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק, אוּן זִיכֶער אוֹיךְ נָאךְ פִילֶע אִידְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען

טוּן אַז עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי מַיין שִׁיעוּר, אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן און זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן. אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן שֵׁיינֶע דִבְרֵי חִיזוּק, עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן, עֶס פַּאסִירְט אָבֶער צוּמָאל אַז טֵייל בָּחוּרִים הוֹיבְּן און רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן און וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן בַּיים שִׁיעוּר, און דַאן דַארְף אִיךְ זֵיי מְעוֹרֵר זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק צוּ דַארְפְן אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם שִׁיעוּר און זֵיי אוֹיפְמֶערְקְן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ, און דָאס אִיז זִיכֶער אוֹיךְ נִישְׁט גֶעשְׁמַאק פַאר זֵיי.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן וויסְן און פַארְשְׁטֵיין אַז בַּיי מַיין שִׁיעוּר רֶעדְט מֶען נִישְׁט און מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען רוּאִיג רֶעדְן און אַרייַנְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי רֵיינֶע יִרְאַת שָׁמַיִם אָן קַיין הַפְסָקוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז פַאר תּוֹרָה; כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה אִיז נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע לִימוּד וָואס דוּ דַארְפְסְט אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע תַּלְמִידִים, און שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען מֶען לֶערְנְט, פַאר דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן; אַז מֶען רֶעדְט, מֶען לַאכְט – אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט, עֶס אִיז אוּמְזִיסְט דִי אַרְבֶּעט.

בַּיי אַלֶע צַדִיקִים אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ (דִיסְצִיפְּלִין). מִיר גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר גוּט וִוי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז מוֹהֲרָא"ש קוּמְט אַרָאפּ אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁטִיל, און וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר הָאבְּן מִיר זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן פְּלַאץ, מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטַאנֶען בְּאֵימָה וְיִרְאָה כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין; אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִיקִים, מֶען אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה לֶערְנְט מֶען דָאס מִיט דִי בָּחוּרִים, עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִי שִׁיעוּר, אִיךְ שְׁטֵיי זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוֹיף דֶעם; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, לֶערְן מִיט דִי בָּחוּרִים, פַארְלַאנְג פוּן זֵיי זֵיי זָאלְן זִיצְן שְׁטִיל בַּיים שִׁיעוּר; דַארְפְסְט נִישְׁט גֶעבְּן קַיין לַאנְגֶע שִׁיעוּרִים, קֶענְסְט אָנְהוֹיבְּן מִיט קְלֵיינֶע שִׁיעוּרִים, אָבֶער אִין דִי פָּאר מִינוּט מוּזְן זֵיי זִיצְן שְׁטִיל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג; קִינְדֶער און בָּחוּרִים הָאבְּן לִיבּ אַ שְׁטְרֶענְגֶע סֵדֶר, אֲפִילוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן צוּ זַיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען פַארְלַאנְגְט וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

(עצתו אמונה פרשת פקודי תשפ"ב)

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין אִינְגְל אִיז צוּפִיל בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אִין חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין כִּתָּה ב׳ אִינְגְל קוּמְט אַהֵיים און דֶערְצֵיילְט אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים בַּאשְׁטְרָאפְט דְרֵיי מָאל אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג, און אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ צִיפּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרִיוַואטֶע קֶשֶׁר מִיט דִי מְלַמְדִים פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי צוּגַאנְג וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּם תַּלְמִיד וֶוען עֶר קֶען דִי עֶלְטֶערְן.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵּד און גֶעבּ אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִים וִוי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט און וִוי דַיין קִינְד בְּלִיעֶט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְרֶעגְן צִי עֶר אִיז צוּפְרִידְן און אוֹיבּ דֶער קִינְד אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג. אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס פֶעלְט אוֹיס צִיפְּן; זָאג אִים מִיט שֵׁיינֶעם אַז אוֹיבּ עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיטְן קִינְד זָאל עֶר דִיךְ רוּפְן און דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם קִינְד.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁוֶוער מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן, און דֶער עִיקָר שְׁוֶוערִיקֵייט אִיז – אַז מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב און מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נִישְׁט. דֶער מְלַמֵּד זִיצְט מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה קִינְדֶער, דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי גְלֵייזְן, בִּיז עֶר פַארְלִירְט זִיךְ; וָואלְטְן דִי עֶלְטֶערְן גֶעהַאט הַכָּרַת הַטּוֹב, גֶעקוּמֶען זָאגְן שְׁכֹּחַ, גֶעקוּמֶען זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן – וָואלְט דֶער מְלַמֵּד גֶעאַרְבֶּעט גְרִינְגֶער.

ווארִיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי קִינְדֶער און אַרְבֶּעטְן מִיטְן מְלַמֵּד; וֶועלְן זֵיי זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט און עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן

זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה פרשת וישב - חנוכה תשפ"ד)

## וואס טו איך אז די מאמע זאל נישט אראפפירן די קינדער פון אידישן וועג?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר די בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן פאר מיין זון. איידער ער איז איינגעשלאפן האט ער געפרעגט אסאך מאל אויב דער ראש ישיבה שליט"א האט שוין עפעס געענטפערט, יעצט האט ער זיך אויפגעוועקט און מיר נאכאמאל געפרעגט אויב עס איז שוין געקומען א בריוו, און ער איז געווארן זייער איבערגענומען צו ליינען דעם בריוו, יישר כח.

איך בין זייער צעבראכן, וואס קען איך טון אז מיינע קינדער זאלן זיין אפגעהיטן? וואס קען איך טון אז זיי זאלן זיין ערליכע אידן? איך שפיר ווי איך שלאג זיך מיט'ן שטן אליין, און דער שטן האלט ביים געווינען רחמנא ליצלן. די קינדער דערציילן אז זייער מאמע געבט זיי צו עסן חלב עכו"ם, פלייש פון די רבנות הראשית, און אזוי ווייטער. יעצט נעמט זי זיי צו אן אויסגעמישטע וואסער ברעג רחמנא ליצלן.

אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מתפלל זיין פאר זיי, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שופטים, כ"ו מנחם-אב, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי פריילך, קינדער האבן ליב א פריילעכע טאטע, און ווען דו ביסט זיי מחנך, דו לערנסט זיי ווי אזוי זיך צו פירן - זאל דאס צוגיין מיט גרויס שמחה. אין דיין פאל איז דאס זייער וויכטיג, ווייל אז די מאמע וועט זיי אלעס געבן און דו וועסט זיין דער וואס זאגט אויף אלעס 'אסור' - וועלן זיי ענדערש וועלן גיין צו די מאמע ווי צו דיר, זיי וועלן שפירן ביי דיר איינגעצוימט, און אז זיי וועלן זען ביי דיר אן עכטע פרייד - וועלן זיי נאר צו דיר זיך קלעבן.

זיי מתפלל פאר דיינע קינדער זיי זאלן זיין ערליכע אידן און זיי זאלן חתונה האבן און עס זאל זיך ציען ערליכע דורות. תפלה איז שטערקער פון אלצדינג, מיט תפלה וועלן זיי אויסוואקסן גרויסע צדיקים. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תנא דבי אליהו רבה, פרק יח): "מעשה בכהן אחד שהיה ירא שמים בסתר, והיו לו עשרה בנים מאשה אחת, ששה זכרים וארבע נקבות", עס איז געווען א כהן זייער אן ערליכער איד וואס האט געהאט צען קינדער, זעקס זון און פיר טעכטער, "ובכל יום ויום היה מתפלל ומשתטח ומתחנן ומבקש רחמים ומלחך בלשונו עפר, כדי שלא יצא אחד מהן לידי עבירה ולידי דבר מכער", ער פלעגט זיך יעדן טאג אראפוואלגערן אויף דער ערד וויינען און בעטן דעם אייבערשטן אז אלע זיינע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן; "אמרו לא יצתה אותה שנה ולא שנית ולא שלישית, עד שבא עזרא והעלה את ישראל מבבל, והעלה אתו כהן עמהם. לא נכנס אתו כהן לבית עולמו, עד שראה כהנים גדולים ופרחי כהונה מבניו ומבני בניו עד חמשים שנה, ואחר כך נכנס אותו כהן לבית עולמו", ביז ער האט זוכה געווען ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל מיט אלע זיינע קינדער צוזאמען מיט עזרא הסופר, און אלע זיינע קינדער זענען געווארן כהנים גדולים אין בית המקדש, און דער כהן האט זוכה געווען צו קינדער און אייניקלעך וואס אלע פון זיי האבן געטון די עבודה אינעם בית המקדש; זעט מען פון דעם אז תפלה איז די עצה זוכה זיין צו ערליכע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תצא תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876